בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת טָהֳרָה

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וֶוען וֶועט שׁוֹין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנְז קוּמֶען בַּאזוּכְן?..............א

וֶוער אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער רֶבִּי פוּן וֶועמֶען אִיךְ קֶען מְקַבֵּל זַיין?......ג

פַאְרוָואס דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן?......................................ז

גֶעלְט פוּן הֲפָצָה קֶען מֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ?............................י


## אִישׁ אֱמוּנוֹת


וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב..........................................................................א

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער ....................ב

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה, דִי וֶועג דוּרְכְצוּגֵיין אַלֶע שְׁוֶועְרִיקֵייטְן .............................................................ד

נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ ........................................ו

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים ..........ז

זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס ..............................ט

אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג, אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין ..........................י

דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן ..................................יב

מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶועט זַיין נָאר שָׁלוֹם אוּן הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה .......................................................יב

דִי קִינְדֶער אוּן דִי בָּחוּרִים דַארְפְן זַיין צַייטְלִיךְ ........................ יג

זֶען ווִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן אַ שַׁבָּת ..........................יד

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא ...............................................................יד

אָנְגְרֵייטְן דִי לוּחַ בְּרֶסְלֶב לִשְׁנַת תשפ"ב ........................ טו

לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י ........................ טו

מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת פַאְר'ן גוּף אוּן פַאר דִי נְשָׁמָה ............................................................ טז

אַ קְהִילָה ווָאס אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער ..............................................יז

דִי גְמָרָא וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים.............................................................. יט

עֶס טוּט זִיךְ אַ פְרִישְׁקֵייט אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן .......................כ

אַ אִידִישֶׁע הוֹיז דַארְף זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער ........................ כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶוען וֶועט שׁוֹין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנְז קוּמֶען בַּאזוּכְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן אוּן פַאר דִי לֶעבְּן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים; אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בִּין מַמָּשׁ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פוּן נֵיי.

אִיךְ וואוֹין אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּן אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז קוּמֶען בַּאזוּכְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז מֶען דַארְף נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, מֶען קֶען נֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם סֵיי וואו אִיבֶּער דִי וֶועלְט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אֵינוֹ דוֹמֶה שְׁמִיעָה לִרְאִיָּה; וָואס וָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעטוּן וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט דָאס וֶוען, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים, וָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאכְאַלְץ זִיכֶער גֶעוָואלְט זֶען מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר, אִין נָאמֶען פוּן דִי גַאנְצֶע חֲבוּרָה דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוּנְז קוּמֶען בַּאזוּכְן אוּן מְחַזֵּק זַיין. דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דָאהִי פִירְט זִיךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַחְדוּת, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען מַאכְט אַסַאךְ הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט גַאנְצְן כֹּחַ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר לֶעבְּט בְּאַחְדוּת, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (נָשׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַחְדוּת; מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "אֲנָן" אִיז "אַ׳נְשֵׁי נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ", מִיר תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז - "בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זִיךְ לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וִויל זַיין מִיט אַייךְ. אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ אַייךְ; גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (פְּסָחִים קיב.): "יוֹתֵר מִמַּה שֶׁהָעֵגֶל רוֹצֶה לִינֹק פָּרָה רוֹצָה לְהֵנִיק", אַסַאךְ מֶער וִויפִיל דֶער קֶעלְבְּל וִויל זֵייגְן וִויל דִי קוּ - דִי מַאמֶע - גֶעבְּן צוּ זֵייגְן דֶעם קֶעלְבְּל. עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, "וִוי שְׁטַארְק דוּ וִוילְסְט לֶערְנֶען פוּן מִיר תּוֹרָה - אַסַאךְ מֶער וִויל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִיר תּוֹרָה"; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ וִויל נָאךְ אַסַאךְ מֶער זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שׁוֹין אִיבֶּער אַ יָאר וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ זַיין דָארְט.

אַגַב, אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִין תְּפִיסָה, וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים תּוֹרָה; הָאט עֶר אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין הֵיילִיג, "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה - קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינְקֵייט, דִי תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דָאס

אִיז רֵיין (שָׁם, קיג). אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אִים דָאס צוּ זָאגְן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי גוֹיִם, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס דֶער תַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אִים אַזוֹי מַפְצִיר גֶעוֶועןְ, הָאט עֶר אִים דָאס גֶעזָאגְט. דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה; דֶעמָאלְט קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה. אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט שָׁלוֹם, מֶען אִיז מְוַותֵּר, מֶען הָאט אַסַאךְ גֶעדוּלְד - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רֵיינְקֵייט.

אוֹיף דִי נְקוּדָה הָאט מוֹהֲרַא"שׁ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןְ; עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן בִּיז דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן תְּפִיסָה. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַפָּאר יָאר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרַא"שׁ וַוייטֶער גֶעטוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זִיצְן טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט פָּארְפֶּעלְקֶער זֵיי זָאלְן אַהֵיים גֵיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם. דַארְפְן מִיר זֶען צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ, זַיין אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ; וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר".

...

## וֶוער אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער רֶבִּי פוּן וֶועמֶען אִיךְ קֶען מְקַבֵּל זַיין?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן, אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִיז מַיין לֶעבְּן גֶעוֶועןְ זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן זַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת.

אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק בִּין אִיךְ דוּרְךְ גָאר אַ שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ, דֶעמָאלְט הָאט

מִיר אֵיינֶער גֶעגֶעבְּן אַ נוּמֶער פוּן אַ חָשׁוּבְ'ן רַב, אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן יֶענֶער הָאט מִיר גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען. זַייט דֶעמָאלְט הַאלְט אִיךְ אָן קֶשֶׁר מִיט אִים אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט מִיר אוֹיף מַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

דָאס מַאכְט מִיר אָבֶער זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען מֶען הָאט צְוֵויי רֶבִּי'ס שָׁאדְט דָאס פַאר אֱמוּנַת הַיִּחוּד, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מַסְבִּיר צוּ זַיין, אָבֶער עֶס אִיז אַ שְׁווערֶע זַאךְ פַאר מִיר; אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מַאכְט מִיר דָאס פִיל גְרִינְגֶער ווייל אִיךְ קֶען אִים קְלִינְגֶען סַיי וֶוען אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט מִיר גְלַייךְ, ווִידֶער בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דַארְף אִיךְ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו וָואס אִיז מִיר נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג, אוּן עֶס קֶען נֶעמֶען אַסַאךְ צַייט בִּיז אִיךְ בַּאקוּם דֶעם עֶנְטְפֶער.

אוֹיךְ שְׁטֶערְט מִיר דָאס וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הַלְוַאי זָאל זַיין אַ פוּלֶע אַחְדוּת אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלָה, אָבֶער תּוֹרָה הִיא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט עֶס אָנְקוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוּן מִיר עֶנְטְפֶערְן וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר הָאבְּן אַלֶע אֵיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דֶער רֶבִּי וֶועט עֶנְדִיגְן אַלֶע תִּיקוּנִים אוּן אוּנְז אַלֶע מְתַקֵּן זַיין; מִיר דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרֵיין בְּלִיקְן אִין דִי צַוָואָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דִי סִימָנִים פוּן וָואס מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן; דֶער סִימָן פוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג אוּן דֶער סִימָן פוּן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג.

אִיךְ בְּרֶענְג דִיר אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן פוּן דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת טו):

"מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְּט גוּט ווִיסְן אוּן

גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ הָאבְּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' צוּ גְלֵייבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס"א) **אַז וֶוען מֶען הָאט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' דַאן וֵוייסְט מֶען וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן, מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.** דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', צוּ גְלֵייבְּן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אוּן מְקַיֵּים זַיין אִין פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט. דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ג).

וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן אֱמֶת'דִיג 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', אִיר וֶועט גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן אוּן פָּאלְגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין יֶעדְן מַצָּב, אִיר וֶועט שְׁטֶענְדִיג וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

גֶעדֶענְקְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס אֲפִילוּ זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן, אוּן זִיכֶער קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן אַנְדֶערֶע. סְפֶּעצִיעֶל אִינֶעם לֶעצְטְן דוֹר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט דַאן זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אַזוֹי סַאךְ וִוי דִי בְּלֶעטֶער פוּן בּוֹים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אֲפִילוּ מִיט דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ בַּיי אוּנְז צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ע"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ

לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וְוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בֵּיי אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיין דֶער אֱמֶת׳ער צַדִיק. עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן אַלֶע תִּקוּנִים אוּן פַארֶעכְטְן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, אִיר זָאלְט פָארְן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן אוּן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיר זָאלְט זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק. דֶער רֶבִּי אִיז דֶער אָרוֹן וָואס דָארְט לִיגְט דִי לוּחוֹת, אוּן בַּיי דִי אָרוֹן הָאט דֶער אָרוֹן אַלֵיין גֶעטְרָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן וָועלְכֶע הָאבְּן אִיר גֶעטְרָאגְן, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי טוּט אַלֶעס אַלֵיין.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר גֵיין צוּם רֶבִּי׳נְס צִיּוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער אִיר זָאלְט נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין דָארְט אַ פִירֶער, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם פַּארְטֵייעֶן, אִין קַיין שׁוּם גְרוּפֶּעס, נָאר אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מְמֵילָא וֶוען מֶען וִויל זַיין אֱמֶת׳דִיג מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן אִיז דָאס נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, אוּן דַאן וֶועט אִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיבּ וֶועט אִיר מְקַיֵּים זַיין דָאס אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועט אַייךְ זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג". עַד כָּאן.

דֶערִיבֶּער אַז דֶער רָב אִיז דִיר מְחַזֵּק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ וֶוערְסְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בַּאקוּמְסְט אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער נֶעמֶען בַּיי אִים חִיזוּק, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער רֶבִּי אִיז נָאר פַארְנוּמֶען רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן, וַוייל מַחֲלֹקֶת אִיז זֵייעֶר גֶעפַארְפוּל, דָאס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְלַייסְן אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים זֶענֶען

אַ אוּרִים וְתוּמִים, עֶס עֶנְטְפֶערְט אַלֶעס, עֶר קְלָארְט אוֹיס אַלֶעס; מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת, מֶען בַּאקוּמְט אַ קְלָארֶע מֹחַ, אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט; וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, וָואס עֶס שְׁטֶערְט - רֶעדְט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין דִי צְוָואנְצִיגֶער יָארְן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אוּן פְּרוּם, אִיךְ דַאוֶוען אוּן לֶערְן, אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף מַיינֶע מִידּוֹת.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן צְוֵויי שְׁאֵלוֹת. אֵיינְס, אִיךְ וֵייס אַז יֶעדֶער בָּחוּר אִין מַיין עֶלְטֶער, אוּן אֲפִילוּ יוּנְגֶער פוּן מִיר, הָאט שׁוֹין גָאר אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אִיךְ הָאב עֶס אָבֶּער נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ אַבִּיסְל פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט צוּ מִיר אִיבֶּער דֶעם, עֶר הָאט מִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, וַוייל נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז לַייכְטֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, הָאב אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין יֶעצְט אָפְּגֶעהִיטְן, שׁוֹין אַפָּאר יָאר וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אֲפִילוּ נָאר אֵיין מָאל, אִיךְ הָאב נָאר דְרֵיי מָאל אִין מַיין לֶעבְּן בְּטָעוּת אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אַ וָוארְט נִיבּוּל פֶּה; פוּן שְׁאַק אִיז עֶר שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְּן, אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעבְּלִיבְּן מִיט מַיין פַארְקְרוּמְטֶע רָצוֹן, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר אִיבֶּער דֶעם?

צְוֵוייטְנְס, עֶס רַייסְט מִיר בַּיים הַארְץ דִי מַצָּב פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוֹיף אַ נִישְׁט נָארְמַאלְן אוֹפָן, עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס אִיךְ עֶס נִישְׁט אוּן אִיךְ טְרִינְק נִישְׁט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, אִיךְ קֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר שָׁעוֹת אִיבֶּער דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט מַיין לֶעבְּן אַזוֹי. לֵיידֶער זֶעט מֶען הַיינְט אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס פַאלְן

אַוֶועק, וואו מֶען דְרֵייט זִיךְ טְרֶעפְט מֶען שְׁוַואכֶע חֶבְרָה, און מַיין הַארְץ וֶוערְט צֶעפְּלִיקְט פון דֶעם.

מַיין הַארְץ צֶעגֵייט וֶוען אַ אִיד מַאכְט מִיט. אָנְהֵייבּ פוּנֶעם קָארָאנָא וֵויירוּס הָאבּ אִיךְ פָּשׁוּט גֶעגֶעסְן בְּרוֹיט דוּרְכְגֶענֶעצְט מִיט טְרֶערְן פון צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַסַאךְ שָׁעוֹת הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער דִי אוֹיפְגֶעגֶעסֶענֶע הַארְץ בְּלַייבְּט. וָואס קֶען אִיךְ בִּכְלַל טוּן פַאר דֶעם? אִיז בִּכְלַל דָא אַ לִיכְטִיגְקֵייט פַּאר מַיין פִינְסְטֶערְקֵייט חוּץ מָשִׁיחַ? וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמֵייכְלֶען פון אִינֶעוֵויינִיג? אֶפְשָׁר גָאר אִיז דִי צִיל פון מַיין זַיין דָא - צוּ לַיידְן און לַיידְן, און אוֹיסְגֵיין וִוי אַ לֶעכְטְל?

בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְט מִיר וִוי שְׁנֶעלֶער, יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אִיז דִי מִצְוָה פון פְּרִיָ' וּרְבִיָ'; דֶער הֵיילִיגֶער מְחַבֵּר הֵייבְּט אָן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֶזֶר מִיט דִי הֲלָכָה: "חַיָּב כָּל אָדָם לִשָּׂא אִשָּׁה כְּדֵי לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת", יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאפוֹילְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער צוּ חַתוּנָה הָאבְּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פון פְּרִיָ' וּרְבִיָ', "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", און וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים דִי מִצְוָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר פַארְגִיסְט בְּלוּט, "וּמְמַעֵט אֶת הַדְּמוּת", עֶר טוּט נִישְׁט דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ פַארְמֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן בְּצֶלֶם אֱלֹקִים, "וְגוֹרֵם לַשְּׁכִינָה שֶׁתִּסְתַּלֵּק מִיִּשְׂרָאֵל", און עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי שְׁכִינָה זָאל נִישְׁט רוּעֶן בַּיי דִי אִידְן.

וָואס גֵייסְטוּ נָאךְ דַיינֶע פַארקְרוּמְטֶע מַחֲשָׁבוֹת? דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אַהֶער ווִי אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; ווִילַאנְג דוּ הָאסְט נִישְׁט חַתוּנָה, דוּ טוּסְט נִישְׁט דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בִּיסְטוּ אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, דוּ הָאסְט נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה חַתוּנָה צוּ הָאבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ, "שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה, "בְּלֹא בְּרָכָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין בְּרָכוֹת, "בְּלֹא טוֹבָה", דֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט גוּט, "בְּלֹא תּוֹרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, "בְּלֹא חוֹמָה", מֶען לֶעבְּט אָן קַיין מוֹיעֶר, "בְּלֹא שָׁלוֹם", אָן קַיין פְּרִידְן; דִי אַלֶע זַאכְן הָאט מֶען נִישְׁט פַּאר דִי חֲתוּנָה, דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב) לֵייגְט צוּ נָאךְ זַאכְן וָואס פֶּעלְט פַּארְ'ן חֲתוּנָה הָאבְּן, "בְּלֹא עֵזֶר", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶּער, "בְּלֹא כַּפָּרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַארְצֵייעֶר, "בְּלֹא חַיִּים", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַאֲזִינוּ רצו.): "מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָּא, אִקְרֵי פְּלַג גּוּפָא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה - אִיז אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, "וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וַחֲסֵירָא, אֶלָּא בַּאֲתָר שְׁלִים", דִי בְּרָכָה קֶען נִישְׁט זַיין אִין אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, נָאר אִין אַ גַאנְצֶע זַאךְ; נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (אַחֲרֵי, נט:): "רַבִּי יִצְחָק אָמַר", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִצְחָק זָאגְט, "בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָּא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ זֶען דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה; פְרִיעֶר אִין פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא (ה.) שְׁטֵייט: "כָּל מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָּא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, "כָּל שְׁבָחָא אַעְדּוֹי מִנֵּיהּ", דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שוּם לוֹיבּ, "וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְּאָדָם", דֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְנְט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ, "וְלֹא עוֹד, אֶלָּא דְּלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְט צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט.

דֶערִיבֶּער וֵוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַן אוֹיבֶּער חָכָם נָאכְצוּגֵיין דַיין פַארְקְרוּמְטֶע שֵׂכֶל.

חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע; אוֹיף וָואס דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף דַיין הַארְץ, אוֹיף דַיין פְרַאגֶע 'וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ פוּן אִינֶעוֵוייניג?' אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט טוּן דֶער ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע הַארְץ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, דוּ וֶועסְט זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווִי מֶען אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אִין דִי שְׁוֶוערֶע זְמַנִּים וַוייטֶער טוּן דֶעם

ווילְן פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז טַאקֶע דָא אַסַאךְ וָואס פַאלְן, אָבֶּער פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא אַזוֹיפִיל רֵיינְקֵייט, אַזוֹיפִיל הֵיילִיגְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעלְט פון הֲפָצָה קֶען מֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס גֶעלְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים גֵיין הֲפָצָה קֶען מֶען נוּצְן פַאר זִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ דִיר שְׁטַארְקְן אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פון הֲפָצָה; מֶען זָאל קוּקְן מִיט אַ טִיפֶערְן בְּלִיק, מֶען זָאל אַבִּיסְל אַרַיינְטְרַאכְטְן וָואס אִיז דָאס הֲפָצָה - וָואלְט מֶען גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן אַ מַעֲשֶׂה פון דִיר, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער אוּן עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער יָארְן אוּן עֶס פַּאסִירְט דָאס שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דֶער קִינְד צֶעקְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן, עֶר גֵייט אַוֶועק מִיט נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן עֶר פַאלְט אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, דִי עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף.

וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ הֶערְסְט אוֹיף אֵיינֶעם וָואס גֵייט צוּ דַיין זוּן אֵיין מָאל אַ וָואךְ, עֶר גֶעבְּט אִים שֵׁיינֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי חִיזוּק אוּן דַיין קִינְד הֵייבְּט אָן לֵיינֶען אוּן עֶס הֵייבְּט אָן וֶוערְן לִיכְטִיג בַּיי אִים; וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן מִיט דֶעם אִיד?

קֶענְסְט טְרַאכְטְן? דוּ וָואלְסְט אִים גֶעהַאלְדְזְט, גֶעקוּשְׁט, גֶעלוֹיבְּט, גֶעבֶּענְטְשְׁט און וָואס נִישְׁט... 'וָואס הֵייסְט, עֶר אִיז מְקָרֵב מַיין קִינְד! עֶר רֶעדְט מִיט אִים! עֶר לֶעבְּט אִים אוֹיף!' דָאס וָואלְט בַּיי דִיר גֶעוֶוען דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ.

אַזוֹי און נָאךְ אַ סַאךְ מֶער קוּקְט מֶען פוּן הִימְל אוֹיף אַ מֵפִיץ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער טַאטֶע, און וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי גוּטֶע וֶועג אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע צַעַר כִּבְיָכוֹל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוען מִיר גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן קוּנְטְרֵסִים, סְפָרִים, גִּלְיוֹנוֹת, סִי דִי"ס וְכַדוֹמֶה אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ וָואס כַאפְּט זֵיי און עֶס הֵייבְּט זֵיי אָן לִיכְטִיג וֶוערְן, זֵיי הֵייבְּן אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - וֶוערְט אִין הִימְל אַזַא רַעַשׁ, מֶען נֶעמְט דֶעם מֵפִיץ, מֶען הַאלְדְזְט אִים און מֶען קִישְׁט אִים.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֵיי וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים פוּן רֶבִּי'ן, פוּן מוֹהֲרַא"ש; קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי וָואס שְׁפֶּעטְן, קוּק נִישְׁט אוֹיף לֵצִים; דוּ טְרַאכְט אַלְץ: 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אֵיין אִיד אֲפִילוּ נָאר אֵיין גוּטֶע מַחֲשָׁבָה, אִיז מִיר שׁוֹין כְּדַאי'.

דִי גֶעלְט פוּן הֲפָצָה אִיז צְדָקָה גֶעלְט; דוּ קֶענְסְט מִיט דֶעם טוּן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט מִיט צְדָקָה גֶעלְט, אוֹיבּ דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס מְפַרְנֵס זַיין וְכוּ' - קֶענְסְטוּ נֶעמֶען פוּן דִי גֶעלְט פַאר זִיךְ, אוֹיבּ הָאסְטוּ פַאר דִיר גֶענוּג צוּ קֶענֶען לֶעבְּן - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט צוּ דְרוּקְן נָאךְ סְפָרִים, אָדֶער פַאר עֲנִיִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב; מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גַאנְץ יוֹם טוֹב אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען אִיז יוֹם טוֹב אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קלה): ״אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב״, וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאף בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען שֵׁיין; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״א
לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ׳

שְׁטוּפְּט אַוֶועק פוּן אַייךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען כְּסֵדֶר אַרוֹיף אִין מֹחַ אַז אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז דָא הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן פְּרוֹיעֶן וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער אוּן מִיט תְּפִלָּה זֶענֶען זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת תְּפִלָּה, סִימָן כח): "עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת אֶת הַמַּזָּל", מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי מַזָל; אֲפִילוּ אוּנְטֶער׳ן מַזָל קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אָבֶּער מִיט תְּפִלָּה דְרֵיידְט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער. עֶס אִיז גוּט צוּ זָאגְן אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן יְהִי רָצוֹן׳ס, אָבֶּער אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת - דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס קוּמְט אַרוֹיס פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, דָאס גֵייט אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ, וַוייל דָאס אִיז אֱמֶת. "קָרוֹב ה׳ לְכָל קֹרְאָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס רוּפְט אִים, "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת", אָבֶּער נָאךְ מֶער הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס דִי וָואס רוּפְן אִים מִיט אֱמֶת (תְּהִלִּים קמה, יח).

דָא הָאט אִיר אַ גֶעבֶּעט וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר; אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעזוּנְט.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער; אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן קִינְדֶער, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף קִינְדֶער; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְזָארְגְט, וַוייל עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער נָאךְ טֶעג אוּן**

וָואכְן און אִיךְ וַוארְט נָאכְאַלְץ אוֹיף מַיין יְשׁוּעָה, דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר פַארְזָארְגְט. בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר; בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, אִין זְכוּת פוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב און בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב; יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

בְּנוֹגֵעַ דִי סְגוּלָה פוּן מִקְוֶה מַלְכָּה אִין יַבְנְאֵל; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין דִי מִקְוֶה - וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער. וַוייל דִי מִקְוֶה אִין יַבְנְאֵל אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן קַיין מִקְוֶה. דָארְט וואוֹינְט אַ רָב מִטַעַם הַמְּדִינָה וָואס הָאט לַאנְגֶע יָארְן מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט אִסוּרֵי כְּרִיתוּת; גֶעזָאגְט הָאט עֶר אַז דִי מִקְוֶה אִין יַבְנְאֵל אִיז כָּשֵׁר, לְמַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מֵי גְּשָׁמִים מִמֵּילָא אִיז דִי מִקְוֶה בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, עֶס אִיז אַ וַואנֶע. וֶוען דֶער שְׁטְרָאף הָאט גֶעזֶען אַז עֶס וֶוערְט אַ גֶערוּדֶער הָאט עֶר אָנְגֶעפִילְט דִי אוֹצָר מִיט וַואסֶער, גֶעוֶוען אִיז דָאס אִינְמִיטְן זוּמֶער וֶוען עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעבּוֹיט אַ מִקְוֶה שְׁטִילֶערְהֵייט, אַזוֹי ווִי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, דִי בַּעֲלֵי מְסִירוּת נֶפֶשׁ - הָאבְּן גֶעטוּן אִין רוּסְלַאנְד אוּנְטֶער דִי קָאמֶענִיסְטְן, און מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט גֵיין אִין דִי מִקְוֶה וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, וַוייל אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ קֶען מֶען זֶען דֶערְבַּיי יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע. און אַזוֹי אִיז עֶס, צֶענְדְלִיגֶער און הוּנְדֶערְטֶער פְרוֹיעֶן זֶענֶען שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי סְגוּלָה.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען זָאל נָאכְאַמָאל גֵיין וְכוּ'; אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, יֶעדֶע מָאל מֶען טוּט דִי סְגוּלוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ נִסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה, דִי וֶועג דוּרְכְצוּגֵיין אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֱמוּנָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג; וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - קֶען מֶען אַלֶעס דוּרְכְקוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה קֶען מֶען אַלֶעס דוּרְכְגֵיין. אַמָאל הָאט מֶען גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טַייךְ דִינֶעסְטֶער מִיטְ'ן גַארְטְל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ אָן קַיין מוֹפְתִים, נָאר מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה" (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'עוֹד יֵשׁ לוֹמַר כִּי בְמַקְלִי'; סֵפֶר נוֹצֵר חֶסֶד עַל מַסֶּכֶת אָבוֹת פֶּרֶק ו, אוֹת ח).

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; **חַזֶר זִיךְ דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה: "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי מְדַבֵּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס"**; וֶועסְטוּ זֶען ווִי דוּ וֶועסְט אַלֶעס בֵּייקוּמֶען.

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר וַוייל מֶען ווִיל זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוֹיבּ מֶען וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה.

לֵיידֶער הָאבְּן נִישְׁט מֶענְטְשְׁן דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיפְט מֶען צוּ דְרָאגְס, סִי בִּי דִי אוֹיל, אָדֶער מַארִיכְוַואנַא; מֶען

פַאַרְבְּרֶענְט זִיךְ דֶעם מֹחַ מִיט דִי קֶעמִיקַאלְן. אַנְדֶערֶע לוֹיפְן צוּם בִּיטֶערְן טְרָאפּ, מֶען טְרִינְקְט אַלְקָאהָאל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דִי אַלֶע זַאכְן הֶעלְפְן נָאר אוֹיף דִי מִינוּט, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס וֶועפְּט אוֹיס וֶוערְט מֶען מֶער דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, דַארְף מֶען שׁוֹין נֶעמֶען שְׁטֶערְקֶערֶע דְרָאגְס; אַלֶעס נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן סִי בִּי דִי אוֹיל, שְׁטֶערְקֶער פוּן מַארִיכְוַואנַא; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן אַלֶעס וָואס עֶר טוּט - אִיז נָאר לְטוֹבָה, עֶר גֶעבְּט אוּנְז דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט דֶערְמִיט אַיינֶעמֶען דִי וֶועלְט, דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַ דְרִיטֶע מָאל אוּן אַ פֶערְטֶע מָאל - אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אוּן גֵייט אִיבֶּער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּנֶעם דַף גְּמָרָא; אַ בְּלַאט גְּמָרָא דָאס בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מִיטְוָואךְ וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם פַאר פְרוֹיעֶן, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען שֶׁעפְּן אַבִּיסְל פְרִישֶׁע כֹּחוֹת; זִי וֶועט הֶערְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער, שְׁטֶערְקֶער פוּן סִי בִּי דִי אוֹיל. עֶס וֶועט אִיר בַּארוּאִיגְן, עֶס וֶועט אִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִי זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט; בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְט אַלֶעס לֵייגְן אִין דִי זַייט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַיין וַוייבּ.

מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי'ן דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ - דַארְפְן מִיר פָאלְגְן. דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן הִיטְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר", דָאס אִיז מַעֲשֶׂה יֵצֶר, "שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַז אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, "כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דוּרְךְ דֶעם וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת; אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף דֶעם, "לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", עֶר זוּכְט אַרַיין צוּ כַאפְּן יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער, אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער; דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, זִי זִידְלְט דִיר אָפּ - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת. וֶוען זִי שְׁרֵייט אוּן זִידְלְט זָאלְסְטוּ זָאגְן שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, יח): "**רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי**"; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק, דָאס אִיז מְסוּגָּל אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט יִסוּרִים זָאל עֶר זָאגְן דִי פָּסוּק וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן מַיין

הַארְץ, וֶועסְטוּ הָאבְּן זִיסֶע טֶעג אוּן זִיסֶע יָארְן. אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְפְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ; נִישְׁט זַיין קַיין מְקַבֵּל, נִישְׁט וַוארְטְן זִי זָאל דִיר גֶעבְּן, נָאר דוּ זָאלְסְט זַיין דֶער מַשְׁפִּיעַ, דוּ זָאלְסְט מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, בִּפְרַט דִי מִצְוָה וְכוּ׳ - דָאס דַארְף מֶען טוּן נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז גוּט פַאר זִיךְ, דָאס אִיז אַ מִצְוָה אַזוֹי וִוי אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ טוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיר זֶענֶען אַלֶע מִתְפַּלֵּל אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ״ב (תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת פִּ׳רְסוּם בְּ׳רֶסְלֶב) קַיין אוּמַאן. אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט אֵיינֶער וָואס קֶען מִיר בָּארְגְן גֶעלְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ״ג, פַאר צְוֵויי יָאר - זַיי מִיר מוֹדִיעַ; אִיךְ דַארְף יֶעצְט בְּעֶרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ שְׁטָאק אִינֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט לָאז מִיר וִויסְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר; אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס טוּט מִיר שׁוֹין נִישְׁט וֵויי מַיין הַאנְט.

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם פַאר פְרוֹיעֶן; זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען, זִי וֶועט זֵייעֶר הַנָאָה הָאבְּן, זִי וֶועט וֶוערְן שְׁטַארְק מְחוּזָק, זִי וֶועט אַהֵיים גֵיין מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים; וִוי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער גֵייעֶן אַוֶועק דִי פְּחָדִים, וַוייל וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין

אִין זִיךְ ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשִׁיצְט מִיר׳, - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים.

דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעטוּן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ׳עֶנֶען; עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין הֵיילְן אוּן אִין טָאלְן, עֶר הָאט גֶעהַאזֶר׳ט דִי אֱמוּנָה, בִּיז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן (תְּהִלִּים כז, א): "ה׳, אוֹרִי וְיִשְׁעִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין הִילְף, "מִמִּי אִירָא", פוּן וֶועם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁרֶעקְן? אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט וַוייל אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "ה׳ מָעוֹז חַיַּי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שְׁטַארְק מַיין לֶעבְּן, "מִמִּי אֶפְחָד", פַאר וֶועם זָאל אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן?

דָאס אִיז דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן שְׁרֶעק, חַזֶר׳ן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר"**; דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק.

גֶעוואוֹינְט אַייךְ אֵיין צוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע תְּהִלִּים, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע פְּחָדִים, יֶעדֶע קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן. זִינְגְט דִי פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים (קיח, ו-ט): "ה׳ לִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, "לֹא אִירָא", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, "מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם", וֶוער קֶען מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן, "ה׳ לִי בְּעֹזְרָי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין הֶעלְפֶער, "וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי", אִיךְ וֶועל זֶען אַ נְקָמָה אִין מַיינֶע פַיינְט, "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה׳ מִבְּטֹחַ בָּאָדָם", עֶס אִיז גוּט זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אֵיידֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה׳ מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף גוּטֶע פְרַיינְט; דִי אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ וֶועלְן אַרַיינְבְּלָאזְן אִין אַייךְ שְׁטַארְקֵייט, אִיר וֶועט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִים פְלֶעגְט זָאגְן כַּמָּה פְּעָמִים יֶעדְן טָאג דִי אֲנִי מַאֲמִין׳ס מִיט אַ גְרוֹיסֶע דְבֵיקוּת אוּן בְּרֶען; אִיז הַיינְט אַ פַּאסִיגֶע צַייט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס, דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה. אוֹיךְ טוּט דָאס בַּארוּאִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה", אִיךְ גְלֵייבּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, "שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, "וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס פִירְט דֶער וֶועלְט, "וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", נָאר עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, עֶר אַלֵיין טוּט אַלֶעס אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, זוּךְ נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס אִין אַנְדֶערֶע, זוּךְ נִישְׁט צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי וֶועלְט; זוּךְ וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַלֵיינְס פַארְרֶעכְטְן. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט: "אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פַארְרֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט, וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פַארְרֶעכְטְן מַיין שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט, וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ מֶער עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פַארְרֶעכְטְן מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְרֶעכְטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג, אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ אַ זְמַן אִין יְשִׁיבָה מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת, עֶס זֶענֶען דָא פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעמֶען חַיּוּת פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

״מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ״, אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקִי מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ״, אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּיז אַהֶער צוּ זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט תַּלְמִידִים, ״וְלֹא שַׂמְתָּ חֶלְקִי מִיּוֹשְׁבֵי קְרָנוֹת״, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט קַיין לֵצִים וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, ״אֲנִי עָמֵל וְהֵם עֲמֵלִים״, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, ״אֲנִי עָמֵל וּמְקַבֵּל שָׂכָר״, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶער מוּטְשֶׁע אִיז פַאר גוּטֶע זַאכְן, מִיר לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, ״אֲנִי רָץ וְהֵם רָצִים״, אַלֶע יָאגְן זִיךְ, אוֹיף אַלֶעמֶען גֵייט אִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, ״אֲנִי רָץ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא״, מִיר יָאגְן זִיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא; מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט - דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן אִין דֶעם אוּן יֶענֶעם, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין מִיט בָּחוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט אַ רַבִּים; דָאךְ דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי זְכִיָּה אוּן אִיךְ בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיינְלֵייגְן אִין בָּחוּרִים לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן חַתוּנָה צוּ הָאבְּן. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן שִׁידוּכִים פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אוּן זֵיי וַוייזְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי

לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ וֶועסְט הַנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן, יָארְן צוּרִיק הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעפְרֶעגְט אַ בָּחוּר וָואס הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה: "הָאסְט הֲנָאָה אִין יְשִׁיבָה?" אוּן דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט: "יָא"; פְרֶעגְט אִים מוֹהֲרָא"ש: "פַארְוָואס הָאסְטוּ הֲנָאָה אִין יְשִׁיבָה?" דֶער בָּחוּר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ נֵייעֶר תַּלְמִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר זָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַאכְט גְרִינְג אִידִישְׁקֵייט", זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "נֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט נִישְׁט גְרִינְג אִידִישְׁקֵייט, אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג, אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וַוייזְט דִיר וָואס אִידִישְׁקֵייט אִיז!"

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וַוייל דָאס אִיז וָואס אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן אַלֶע יָארְן מִיט דִי בָּחוּרִים; זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּקְן דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת ווִי עֶפֶּעס אַ בִּיטֶערֶע זַאךְ, נָאר זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוֹת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, פְרֶעג אִין שְׁטוּבּ אוֹיבּ מֶען ווִיל קוּמֶען; פְרֶעג עֶס מִיט חָכְמָה, נֵייט נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט בְּכֹּחַ, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֵייסְן וְכוּ'; פְרֶעג אִיר אוֹיבּ זִי ווִיל קוּמֶען, אוֹיבּ זִי אִיז נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי - זָאלְסְטוּ וַוארְטְן. מִיט סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן אַסַאךְ וַוייטֶער, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בְּכֹּחַ הָאבְּן נָאכְדֶעם חֲרָטָה גֶעהַאט.

אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ מֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער סוֹד וְוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן פוּן דַיין צַעַר, אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשָׂאסְן פוּן דַיין פַּרְשָׁה; דַיין פַּרְשָׁה אִיז אוּנְזֶער פַּרְשָׁה.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן עֶנְק זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ סוֹד, אִיךְ הָאבּ אַ סוֹד וְוי אַזוֹי אִיךְ דֶערְהַאלְט זִיךְ; אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע זְמַנִים, אִיךְ בִּין נָאר גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ סוֹד. וֶוען עֶס וֶוערְט מִיר שְׁוֶוער, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן - דַאנְק אִיךְ זֵייעֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיין לֶעבְּן, דָאס בּוֹיט אוֹיף שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון, אַ שְׁטַארְקֶע קָאפּ, מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק; שְׁטֶערְקֶער פוּן אַייזְן.

אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת, לְמַעְלָה מִכֹּחוֹת אֱנוֹשִׁי.

...

## מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן, וֶועט זַיין נָאר שָׁלוֹם אוּן הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז בַּיי אַייךְ גוּט; אִיךְ בֶּענְק זִיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ בִּיז אַהֶער וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים וַוייטֶער.

..., אִיךְ הָאף אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי וְוי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אִין

יְשִׁיבָה, מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. זֵיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער, מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אִים; עֶס טוּט וֵויי פַאר דִי וַוייבּ וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר מָרַת ... תִּחְיֶ׳ נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן. אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מְכַבֵּד זַיין, וֶועט זַיין נָאר שָׁלוֹם אוּן הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

...

## דִי קִינְדֶער אוּן דִי בָּחוּרִים דַארְפְן זַיין צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מַגִיד שִׁיעוּר קְרִיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן אַלֶע פְּרָטִים פוּן דִי תַּלְמִידִים אִין שְׁטֶעטְל, לְעֵת עַתָּה אִיז נִישְׁטָא קַיין מְנַהֵל, דַארְף אִיךְ זַיין מְנַהֵל.

עֶס קֶען נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְקֵרוּת, דִי קִינְדֶער אוּן דִי בָּחוּרִים דַארְפְן זַיין צַייטְלִיךְ, אַז נִישְׁט - פַארְמַאךְ אִיךְ דַיין כִּתָּה; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען טָאג אֵיין טָאג אוֹיס שְׁפֶּעט, אֲפִילוּ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן אַ סֵדֶר צוּ זַיין 10:00 אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען שְׁפֶּעט?! אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן.

אוֹיבּ פֶעלְן קִינְדֶער זָאלְסְטוּ מִיר דָאס מוֹדִיעַ זַיין, שְׁרַייבּ מִיר אַן הוֹדָעָה; אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל זַיין הֶפְקֵר.

הַיינְט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַ קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶערוּפְן דִי עֶלְטֶערְן; דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי הָאבְּן נִיטְאַמָאל גֶעוואוּסְט אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

אִיךְ וֶועל זַיין דֶער מְנַהֵל בִּיז דֶערְוַוייל; אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן אַלֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶערֶעדְט זֵייעֶר קְלָאר אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט הַאלְטְן קַיין זְמַנִּים וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען.

...

## זֶען ווִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן אַ שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר אַיינְלַאדֶענֶען צוּ אַייךְ דָאס מֵיידְל ... תִּחְיֶ׳, אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אִיר; אִיר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל אִיךְ זָאל מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער זִי דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל תִּיקוּן הַמִּדוֹת וְכוּ׳.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אוֹיבּ אִיר הָאט כֹּחַ זָאלְט אִיר זִי רוּפְן אוֹיף שַׁבָּתִים, זִי זָאל זֶען אַ אִידִישֶׁע הֵיימִישֶׁע שְׁטוּבּ; זִי זָאל זֶען ווִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן אַ שַׁבָּת, אָן קַיין קוֹלוֹת, אָן קַיין קְלָלוֹת אוּן אָן קַיין מַכּוֹת. זִי מֵיינְט אַז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד שְׁלָאגְט, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד שֶׁעלְט; דָאס הָאט זִי גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין שְׁטוּבּ.

בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט מֶען אַ בְּרָכָה אִין דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

## אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאבּ דִיר אַבִּיסְל בַּאטְרַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין דִיר יִרְאַת שָׁמַיִם; דוּ דַאוֶוענְסְט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען, דוּ שְׁמוּעֶסְט נִישְׁט, דוּ הַאלְסְט דַיינֶע זִין נֶעבְּן דִיר, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי דוּ בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי ווַייטֶער אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵׁם. אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוּן מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אָדֶער אִינְדֶערְפְרִי בַּיים שִׁיעוּר פוּן הָרַב ר׳ ...., אָדֶער נָאךְ מִנְחָה מַעֲרִיב בַּיים שִׁיעוּר פוּן הָרַב ר׳ ...., אָדֶער זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא אוּן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט

גְמָרָא. אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק דֶער שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַ מָקוֹם פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל.

...

## אָנְגְרֵייטְן דִי לוּחַ בְּרֶסְלֶב לִשְׁנַת תשפ״ב

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר׳ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין, מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן רֶענְט חוֹדֶשׁ׳לִיךְ פַאר דִי יְשִׁיבָה, חֶדֶר, סְקוּל, בֵּית הַדְּפוּס, כּוֹלֵל, בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, חֲתוּנָה זַאל וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אָנְגְרֵייטְן דִי לוּחַ בְּרֶסְלֶב לִשְׁנַת תשפ״ב. גְרֵייט אָן אַלֶע זְמַנִים, שִׁיעוּרִים אוּן הִתְחַזְּקוּת.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דִי חִיזוּק זָאל לִיגְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ. יֶעצְט זֶע אִיךְ אִין דִי לוּחַ פוּן הַיי יָאר אַז עֶס הָאט אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת, דִי חִיזוּק לִיגְט אָפְּגֶערוּקְט פִיר עַמּוּדִים; לְמָשָׁל, יֶעצְט אַ וָואךְ נָאךְ פֶּסַח דַארְף שְׁטֵיין חִיזוּק פוּן סְפִירָה, אַנְשְׁטָאט דֶעם שְׁטֵייט חִיזוּק אוֹיף הֲכָנוֹת לְפֶּסַח.

זַיי גֶעזוּנְט.

...

## לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ״י

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג, דֶער יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

עֶס אִיז בַּאווּיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים הָאט גֶעבֶּעטְן דִי מְלַמְּדִים

פון זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און פון זַיין בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע מוּסָר, דָאס פְלַאמְט אוֹיף דִי הֶערְצֶער פון דִי קִינְדֶער.

זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר יֶעדְן טָאג צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פון דִי צַדִּיקִים; הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פון מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ גוּט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר קִינְדֶער.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַרַיין מֶער כֹּחַ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י, מֶער פון אַלֶעס. דִי קִינְדֶער גֵייעֶן בַּאלְד אַרוֹיס פון חֵדֶר, זֵיי גֵייעֶן מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י; אִין יְשִׁיבָה און אִין כּוֹלֵל לֶערְנְט מֶען גְמָרָא און הֲלָכָה, וְויפִיל זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען יֶעצְט - דָאס וֶועלְן זֵיי הָאבְן.

קִינְדֶער וָואס קֶענֶען גוּט חוּמָשׁ רַשִׁ״י - קֶענֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם אַלֶעס; וואוּ זֵיי לֶערְנֶען הָאבְן זֵיי יְדִיעוֹת הַתּוֹרָה, בְּנוֹסָף - דִי יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## מִשְׁנָיוֹת הָאט אִין זִיךְ גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת פַאר׳ן גוּף און פַאר דִי נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן דִי צְוֵוייטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

מִשְׁנָיוֹת הָאט אִין זִיךְ גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת פַאר׳ן גוּף און פַאר דִי נְשָׁמָה.

... זָארְג נִישְׁט, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַ קְהִילָה וָואס אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער לֶעבְּט פַּאר זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט אִיז דֶער יוֹם הֻלֶדֶת פוּן אוּנְזֶער מְחַיֶ'דִיגֶע חֶדֶר; שְׁנַת תש"ע, אִסְרוּ חַג פֶּסַח הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין אַמֶערִיקֶע. מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן חֶדֶר; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזַא פַארְבְּרֶעכֶער אַז מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעטָארְט זַיין אִין חֶדֶר, אַלֶעס צוּלִיבּ דֶעם חֵטְא אַז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אַ יְשִׁיבָה פַאר בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶענוּמֶען בָּחוּרִים וֶועם קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען.

פְרֶעג נִישְׁט וָואס דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט, מֶען הָאט מִיר בַּאזִינְגֶען אִין דִי גַאסְן; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט כָּבוֹד פוּן אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן מַיין נָאמֶען מִיט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער. מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיין, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: "טַאטִי, וָואס מֵיינְט 'פוֹי'? טַאטִי וָואס מֵיינְט 'מְנֻוָּל'"? דָאס אִיז גֶעוֶוען פַּאר מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן וֵויי גֶעטוּן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן מִיט הַאס אוֹיף מִיר, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעלִיטְן צוּלִיבּ מִיר וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ קוּק צוּרִיק, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעטוּן מִיט מִיר, סַיי אַז מֶען הָאט מִיר פַארְשִׁיקְט אוּן סַיי אַז מֶען הָאט פַארְשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בְּלַייבּ וֶוען אַרְבֶּעטְן בַּיי אַנְדֶערֶע אוּן וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען וַוייטֶער בַּיי אַנְדֶערֶע - "הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ", וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין מַייזְן לָאךְ, "וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מֶען הַאלְט שׁוֹין הַיינְט אַז דִי תַּלְמִידִים - זֵיי זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים,

מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי צְוֵויי דוֹרוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ מִיט אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת.

דֶער חֵדֶר אִיז אַ נֵס פַּאר אוּנְז, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט הַפָּצָה, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; אַדְרַבָּה, קוּם אַרַיין אִין חֵדֶר, אִיבֶּערְצֵייג זִיךְ אַלֵיין וָואס דָא גֵייט פָּאר, כַאפּ אָן אַ קִינְד אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ בְּעֵת צָרָה? וָואס טוּסְטוּ וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס?" אַלֶע וֶועלְן עֶנְטְפֶערְן בְּפֶה אֶחָד: "אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ; דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, זֵיי בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, זֵיי ווִילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; דָאס אִיז דִי ווּאוּנְטְשׁ פוּן יֶעדְן קִינְד, צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

אִיךְ שְׁרַייב דִיר אַבִּיסְל כְּדֵי דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיין הוֹדָאָה; וֶוען דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ זֵיי וֶוערְן נִתְחַנֵךְ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, מִיר זָאלְן הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר מַמְשִׁיךְ זַיין; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "וֶוען מֶען כַאפְּט אַ פַּאטְשׁ גֶעבְּט מֶען נִישְׁט צוּרִיק אֵיין פַּאטְשׁ, מֶען גֶעבְּט צוּרִיק אַפָּאר פֶּעטְשׁ"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן זָאל מֶען זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, אִיךְ וֶועל דִיר צוּרִיק גֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ; אִיךְ הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מֶער מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מֶער שִׁיעוּרִים'.

פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט, ווִי דוּ שְׁטֵייסְט; עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער, עֶס זֶענֶען דָא וָואס שְׁטֵייעֶן שׁוֹין יֶעצְט יָא מִיט, אִיךְ זָאג דִיר: אַזוֹינְס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען, אַ חָלוֹם, אַ קְהִילָה וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף חֶסֶד, אַ קְהִילָה וָואס אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אַלֶע לֶעבְן פַאר זִיךְ; נִישְׁטָא קַיין קִנְאָה, שִׂנְאָה אוּן תַּחֲרוּת, יֶעדֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ

מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; אַלֶע גֵייעֶן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף רֵיין, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַאנַ"שׁ הָאט גֶעמַאכְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - הָאבְּן מִיר אִין אַמֶערִיקֶע, אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן מִיט הַפָּצָה; אֵיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אִין עֶנְגְלִישׁ, אַ צְוֵוייטֶע מִשְׁפָּחָה מַאכְט דִי גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ; דֶער דְרוּקְט אוּן דֶער פַארְשְׁפְּרֵייט, אַ דְרִיטֶער מַאכְט חִיזוּק יוֹמִי; אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אִין אַן אַנְדֶערֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְמָרָא וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שְׁטַארְקֵייט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, גְמָרָא אִיז מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; מוֹהֲרַאנַ"שׁ זָאגְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן - אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא, דַארְפְן מִיר זָאגְן פַארְקֶערְט: "אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי גְמָרָא".

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר - וֶועלֶן מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת שְׁקָלִים אוּן מֶען הֵייבְּט אָן מַסֶּכֶת יוֹמָא; זַיי קְלוּג, כַאפּ זִיךְ מִיט; דִי גְמָרָא וֶועט דִיר בַּאגְלִיקְן, דִי גְמָרָא וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן; עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר

אַלֶע דִינִים.

קוּם צוּם שִׁיעוּר; אֲפִילוּ מֶען גֵייט רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין, עֶס גֵייט נִישְׁט זַיין קֵיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, מֶען גֵייט רֶעדְן פוּן דִי פָּאר זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט שׁוֹין טוֹיזְנְטֶער מָאל; מֶען גֵייט רֶעדְן פוּן מִשְׁנָיוֹת, פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פוּן הֲפָצָה - דָאךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, מִיט חֲבֵרִים צִיט דִיר יָא צוּ גֵיין; עֶס צִיט דִיר צוּ גֵיין אִין שְׁוִויץ, עֶס צִיט דִיר צוּ גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען, דָארְט רֶעדְט מֶען דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן פַאר דִי לֶעצְטֶע טוֹיזְנְטֶער יָאר, פוּן גֶעלְט; דֶער הָאט גֶעלְט, יֶענֶער הָאט גֶעלְט, וִוי קֶען מֶען מַאכְן גֶעלְט? וָואס זָאל מֶען טוּן מִיט דִי גֶעלְט? וואוּ לוֹינְט זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי גֶעלְט? דָאס צִיט יָא? דָאס אִיז מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְט פוּן רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי תַּכְלִית, שֵׂכֶל פַארְ'ן לֶעבְן, שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין נָאךְ אַ וָואךְ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער?

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף אוֹיךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס טוּט זִיךְ אַ פְרִישְׁקֵייט אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ז נִיסָן, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ וַוארְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אַז אֵיינֶער פוּן אַייךְ זָאל בִּכְלָל בֶּעטְן פַאר אַ בְּרִיוו, לְמַעֲשֶׂה הַיינְט אִיז שׁוֹין עֶרֶב שַׁבָּת אוּן קֵיינֶער פוּן אַייךְ הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פַאר אַ בְּרִיוו, וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אוּמְגֶעבֶּעטְן, וַוייל אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ פוּן אַייךְ, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אַייךְ.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ נָאךְ וַוייטֶער מְחַזֵק; קֶען זַיין

אִיר בֶּעט נִישְׁט פַּאר אַ בְּרִיוו, אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין פַּארְנוּמֶען, אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין דֶערְשְׁרָאקְן, עֶס גֵייעֶן אַרוּם פַּאלְשֶׁע קְלַאנְגֶען אַז עֶפֶּעס טוּט זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ; עֶס טוּט זִיךְ אַזוֹי, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ אַ זְמַן אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְרִישְׁקֵייט, עֶס אִיז שׁוֹין דִי דְרַייצְנְסְטֶע יָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ זִיצְן מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן מִיט מוֹהֲרָא"שְׁ'ס וֶועג, עֶס זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים, דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען אַסַאךְ גְמָרָא.

נָאךְ אַ זַאךְ טוּט זִיךְ יֶעצְט; דִי חֶדֶר, סַיי אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג סַיי אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - גֵייט אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, דִי מְלַמְּדִים לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיר הָאבְּן מְלַמְּדִים וָואס אִיז נִישְׁטָא אִין דִי וֶועלְט, זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אֱמוּנָה, אַזוֹי קֶענֶען זֵיי דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ טוּט זִיךְ יֶעצְט, דִי סְקוּל בֵּית פֵיגָא גֵייט וַוייטֶער אָן, מֶען גְרֵייט אָן דִי תַּלְמִידוֹת וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז; זֵיי זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ טוּט זִיךְ, עֶס בּוֹיט זִיךְ אַ שְׁטֶעטְל לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת; מִיר הַאלְטְן שׁוֹין נָאנְט צוּ זֶעכְצִיג מִשְׁפָּחוֹת וָואס לֶעבְּן אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע לֶעבְּן, אַלֶע לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען דַארְף בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ טוּט זִיךְ, מִיר עֶנְדִיגְן יֶעצְט נָאךְ אַ שְׁטָאק אִינֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן; עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים וָואס ווִילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעצְט אוֹיפְבּוֹיעֶן נָאךְ אַ שְׁטָאק.

נָאךְ טוּט זִיךְ, עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט וֶועכְנְטְלִיךְ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת אִין אַלֶע שְׁטֶעט; תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ גֵייעֶן אָן מִיט הֲפָּצָה, מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס אִין אַלֶע שׁוּלְ'ן. אַסַאךְ שׁוּלְ'ן וַוארְפְן דָאס אַוֶועק, אַ טֵייל לֵייגְן דִי גִּלְיוֹנוֹת אִין בֵּית הַכִּסֵּא מִיט זִלְזוּל, אַ טֵייל צֶערַייסְן דָאס, אָבֶער מִיר קֶענֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, מִיר דַארְפְן טוּן וָואס

מִיר דַארְפְן טוּן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן וַוייטֶער דִי הֵיילִיגֶע זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן אַז מֶען וַוארְפְט דָאס אַוֶועק וֶועלְן פוּן דִי מִיסְט מְקוּרָב וֶוערְן פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים; מִיר אַלֵיינְס הָאבְּן דָא גְרוֹיסֶע מְפִיצִים וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן פוּן קוּנְטְרֵסִים אִין שֵׁמוֹת, פוּן גִלְיוֹנוֹת אִין בֵּית הַכִּסֵא.

מֶער פוּן דֶעם טוּט זִיךְ נִישְׁט, עֶס טוּט זִיךְ אֶפְשָׁר בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן לֶעבְּן נִישְׁט מִיט זִכָּרוֹן פוּן עָלְמָא דְאָתֵי; בַּיי זֵיי טוּט זִיךְ עֶפֶּעס אִין מֹחַ, מֶען רֶעדְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ טוּט זִיךְ נָאר פוּן תַּכְלִית.

מִיר עֶנְדִיגְן דִי וָואךְ מָאנְטָאג, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר - מַסֶכֶת שְׁקָלִים אוּן מֶען הֵייבְּט אָן מַסֶכֶת יוֹמָא, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, זַייט נִישְׁט קַיין בַּטְלָנִים, כַאפְּט אֵייךְ מִיט מִיטְ׳ן בַּאן, עֶס פָּארְט אַ רַכֶּבֶת יֶעדְן טָאג פוּן מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָדָה; אַ שָׁאד מֶען זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיף דִי בַּאן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין אַרוֹיסְכַאפְּן אַבִּיסְל גוּטְס יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ אִין דִי פַארְנוּמֶענֶע טֶעג; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; בֶּעט אִיךְ אֵייךְ טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, עֶפְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא יֶעדְן טָאג אוּן לֶערְנְט גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וְעַל כּוּלָם גֵייט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, גֵייט אַבִּיסְל צוּ מַאמֶע רָחֵל מִזְמַן לִזְמַן, כַאפְּט אֵייךְ אַרִיבֶּער צוּ שְׁמוּאֵל הַנָבִיא, שִׁמְעוֹן הַצַדִיק; בַּיי דִי פְּלֶעצֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין; בֶּעטְס אוֹיךְ פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל, אִיךְ דַארְף אַסַאךְ תְּפִילוֹת.

אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.

...

## אַ אִידִישֶׁע הוֹיז דַארְף זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ז נִיסָן, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ תַּעֲנוּג אוּן אַ פַארְגֶענוּגְן צוּ זֶען דִי אִינְגֶעלַייט דַאוֶונֶען אַזוֹי וַוארֶעם, דִי טַאטֶעס זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים דַאוֶונֶען, מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר; דִי פְּרוּיעֶן אַזוֹי אֵיידְל אָנְגֶעטוּן; מַמָּשׁ אַ שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ שְׁטָאט. אָפְּגֶערֶעדְט דִי תְּמִימוּת פוּן דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן וֵוייסְן זֵיי צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן.

אִיךְ ווִיל אָבֶּער זַיין מִיט אַייךְ זֵייעֶר אָפְן, אֵיין זַאךְ וָואס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט דֶעם יוֹם טוֹב; עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס עֶס אִיז אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען וִוי אַזוֹי זֵיי פִּירְן זִיךְ אוֹיף, עֶס עֶקֶלְט אַרִיבֶּערְצוּגֵיין זֵייעֶר הוֹיז, וִוי שְׁמוּצִיג אוּן נָאכְגֶעלָאזְט עֶס אִיז אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס טוּט זִיךְ אִינֶעוֵוייגִיג וֶוען אִינְדְרוֹיסְן אִיז אַזוֹי שְׁמוּצִיג. עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל מִיר בּוֹיעֶן אַ שְׁטָאט עַל שֵׁם רַבֵּינוּ אוּן בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען נְקִיּוּת אַזוֹי וִויכְטִיג, וִוי פַּאסְט עֶס מֶען זָאל אַזוֹי בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל...

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן רוֹב שְׁטֶעטְל, רוֹב שְׁטֶעטְל אִיז זוֹיבֶּער, אָבֶּער דִי פָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נָאכְגֶעלָאזְט מַאכְט אַזַא שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פַאר אוּנְז אַלֶע, אַז עֶס פַארְגֵייט דִי אַפֶּעטִיט פוּן זַיין דָארְט.

אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ וָוארְן, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען אִין אוּנְזֶער קְהִילָּה דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שֵׁיין זוֹיבֶּער אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ; מֶען זָאל קֶענֶען טַייטְלֶען מִיט דִי פִינְגֶער ׳דָא ווְאוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר אִיד, דָא ווְאוֹינְט אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זוֹיבֶּער רֵיין׳.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶע אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי קַאר אוֹיפְ׳ן גַאס בַּיים בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; מִיר הָאבְּן בַּאצָאלְט פוּפְצְן טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ מַאכְן דֶעם

פַּארְקִינְג לַאט נֶעבְּן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן דִי קַאר אוֹיבְּן אוֹיפְ'ן גַאס, דִי שְׁכֵנִים וֶוערְן בְּרוֹגֶז, מֶען מַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס שָׁאדְן. דֶער אוֹיבֶּערְהַאר פוּן לִיבֶּערְטִי רוּפְט מִיר מִיט טַעֲנוֹת וְכוּ', אַלֶעס פַאלְט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעווּנג אוֹיף מִיר, עֶס פֶעלְט מִיר נִישְׁט אוֹיס נָאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל אִיבֶּערְגֵיין מִיט עֶנְק, אִיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן פַארְיָאר זוּמֶער מֶען זָאל פָּארְן שְׁטַייט, מֶען זָאל נִישְׁט פָּארְן שְׁנֶעל [זֶע דִי בְּרִיוו בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]; בִּפְרַט זוּמֶער וֶוען דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן שְׁפִּילְן אִין גַאס אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוּן סֵיי מֶען רֶעגְט אוֹיף דִי שְׁכֵנִים. אִיךְ שְׁרַייבּ נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיף אַייעֶר לֶעבְּן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**פָּארְן זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג אִין שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן זַיין אַזוֹי גֶעטְרֵיי, דוּ הֶעלְפְּסְט אַ גַאנְץ יָאר דִי מוֹסָד מִיטְ'ן בְּרֶענְגֶען אוּן אַהֵיים טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אוּן יֶעצְט זוּמֶער הָאסְטוּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דֶעם עוֹל פוּן טְרָאגְן דִי קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים; אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פָּארְן זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג דָא אִין שְׁטֶעטְל; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ פָּארְן שְׁנֶעל, וַוייל קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אוֹיפְ'ן גַאס אוּן מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּקְלַאפְּן אַ קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִיךְ וִויל מֶען זָאל פָּארְן נִישְׁט מֶער וִוי צְוָואנְצִיג מַייל אַ שָׁעָה, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט טוּן מַיין

ווילְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען דָא מִיט קַארְס אַז זֵיי זָאלְן פָּארְן שְׁטַייט אוּן פָּארְזִיכְטִיג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ״ס בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט פָּארְן מֶער וִוי צְוָואנְצִיג מַייל אַ שָׁעָה אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט׳ בְּאָב, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען גֶעקוּמֶען גוֹי׳שֶׁע שְׁכֵנִים מִיר פָּארְהַאלְטְן אוֹיף דִיר אַז דוּ דְרֵייוְוסְט וִוי אַ חַיָּ׳, דוּ פָּארְסְט זֵייעֶר ווילְד. זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט רוּפְן דִי פָּאלִיצַיי אָבֶּער מַיין וַוייבּ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט זֶען עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַן אוֹיבֶּער חָכָם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַּארְוָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פָּאלְגְן וֶוען אִיךְ בֶּעט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן דָא אִין שְׁטֶעטְל נִישְׁט צוּ פָּארְן שְׁנֶעל, נִישְׁט צוּ פָּארְן מֶער וִוי צְוָואנְצִיג מַייל אַ שָׁעָה; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוּן אוֹיךְ מַאכְסְטוּ מִיר אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען בַּיי דִי שְׁכֵנִים.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין.]

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פָּאר קִינְדֶער

## אַפֶּעטִיטְלֶעכֶע אוֹיגְן

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְען דִי זוּמֶער טֶעג דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְן רֵיינֶע אוֹיגְן, וַוייל וֶוען מֶען הִיט דִי אוֹיגְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

קִינְדֶער, וֶוער וִויל הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן?

"מִיר מוּזְן זֶען עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין תַּכְלִית עֶר זָאל זִיצְן אִין לֶערְנֶען" - אַזוֹי הָאבְן דִי מִשְׁפָּחָה פוּן רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ גֶעזָאגְט.

רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד; עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, טָאג אוּן נַאכְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט. זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז גֶעזִיצְן אִין שׁוּל אוּן גֶעלֶערְנְט.

אֵיין טָאג זָאגְט דֶער שְׁוֶוער פַאר זַיין אֵיידֶעם מַתִּתְיָהוּ: "אִיךְ הָאב דִיר גֶעקוֹיפְט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן עֶסְן, דוּ דַארְפְסְט

אָנְהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן אִין גֶעשֶׁעפְט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה״; רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט. עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט גֶענוּמֶען אַ גְמָרָא עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען אִין גֶעשֶׁעפְט; יֶעדֶעס מָאל אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען עֶפֶּעס קוֹיפְן הָאט עֶר פַארְמַאכְט דִי גְמָרָא אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרוֹיס הָאט עֶר וַוייטֶער גֶענוּמֶען דִי גְמָרָא אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ זִיסֶע קוֹל.

יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ פְּרוֹי אִין גֶעשֶׁעפְט הָאט זִיךְ רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים צוּם וַואנְט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״נֶעמְט אַייךְ וָואס אִיר ווִילְט אוּן לֵייגְט אַרָאפּ דִי גֶעלְט אוֹיפְ'ן טִישׁ״; עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט זַיין פָּנִים ווִילַאנְג עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דִי פְּרוֹי אִיז נָאךְ אִין גֶעשֶׁעפְט.

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז אַ פְּרוֹי אִיז אִין גֶעשֶׁעפְט, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע פְּרוֹי. עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אַז דִי פְּרוֹי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן אַיינְקוֹיפְן אוּן אַרוֹיסְגֵיין, עֶר וַוארְט אוּן וַוארְט, עֶר הֶערְט גֶערוּדֶער, עֶר הֶערְט אַ קוֹל ווִי אֵיינֶער זוּכְט אוּן בַּאבְרֶעט, אָבֶער קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער קוֹיפְט גָארְנִישְׁט אַיין. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְדְרֵייעֶן כְּדַאי נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע קוּק, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין זַיין וַוייבּ אוּן גֶעבְּט אַ שְׁרֵיי: ״מַ תִּ תְ יָ הוּ... וָ ו ו א ס אִ י ז מִ י ט דִ י ר ???!!!״




דֶער צִיג עֶסְט מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וָואס הָאט פַּאסִירְט? רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט גֶעמֵיינְט אַז אַ פְּרוֹי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ צִיג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אִיר שְׁטֶערְן; רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן דֶער צִיג עֶסְט אוּן עֶסְט...

דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ׳ס וַוייבּ אוּן אִיר טַאטֶע - זַיין שְׁוֶוער - עֶרְשְׁט גֶעזֶען אַז דֶער אִיד אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ

שְׁטֵיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶע אִיד און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעלָאזְט זִיצְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְּרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן, מִיר וֶועלְן גֵיין אִין גַאס אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי אוֹיגְן, מִיר וֶועלְן נָאר קוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, גְמָרָא און מִשְׁנַיוֹת – וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

---

טייערע חשוב׳ע קינדער שיחיו!

דער גליקליכער געווינער פון דעם חודש איז הילד החשוב כמר נחמן נתן פארקאש נרו יאיר פון תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית יואל, וועלכער האט אריינגעשיקט די פאלגנדע מעסידזש:

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה צו בעטן דעם אייבערשטן און זיין פריילך״**

די נעקסטע גורל וועט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף פארקומען קומענדיגע מיטוואך פרשת במדבר, ראש חודש סיון.

**געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

***** אין די קומענדיגע גורל וועט מען אויך קענען געווינען א ספר המדות *****

כאפ אריין! דו קענסט זיין דער גליקליכער געווינער!

די נומער וואו מען קען דערוייל לאזן מעסידזשעס איז: 718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט״א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס:
info@kerenhadfusa.org

# קינדער ווינקל

## א"ת ב"ש ווערטער שפיל

## וויפיל ניגונים וואס מיר זינגען אין די ספירה טעג קענסטו טרעפן?

(קודם שרייב אראפ די ריכטיגע ווערטער, נאכדעם שטעל דאס אויס אויפ'ן ריכטיגן סדר)

פתנצג תיג פזכ מקמ פתאדקב גשמ עצ מפבוז
גש שג בוז מפסתמ זדמשת

_ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _

_ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _

א = ת ב = ש ג = ר ד = ק ה = צ ו = פ
ז = ע ח = ס ט = נ י = מ כ = ל ל = כ מ = י
נ = ט ס = ח ע = ז פ = ו צ = ה ק = ד ר = ג
ש = ב ת = א

ענטפער פון פאריגע וואך (פון א בריוו אין איש אמונות):

## ווי אזוי קען מען זיין אפגעהיטן פון עבירות?

**"ווער עס איז נזהר פון א משהו חמץ אום פסח און ער פריידט זיך מיט דעם וועט א גאנץ יאר זיין אפגעהיטן פון עבירות"**

נחמי׳ וויל זייער שטארק גיין הפצה, מחי׳ זיין אידישע קינדער מיט דעם רבינ׳ס עצות; העלף אים טרעפן די הויז וואו ער וויל אנקומען







**מיר לערנען די וואך די צווייטע פרק פון מסכת אבות, מיר לערנען אין דעם פרק אסאך לעבנסוויכטיגע זאכן וואס דער ראש ישיבה שליט״א חזר׳ט מיט אונז כסדר; לאמיר זיך איינ׳חזר׳ן א חלק דערפון**

טרעף די ווערטער וואס שטייען אויסגערעכנט אונטער דעם פאזל

| | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ת | ה | פ | ח | י | פ | ו | ח | ה | ע | ל | נ | ת | ה | א | צ | ס |
| ל | ר | צ | ה | א | פ | ק | ס | פ | ל | י | ר | ל | ח | ש | נ | ז |
| ש | צ | ט | ו | ב | ה | ו | צ | ע | כ | פ | ד | י | א | ג | מ | ה |
| ש | ס | צ | י | ו | ח | נ | ו | י | ג | ס | נ | ט | ב | ו | ש | א |
| ז | ה | ת | א | ק | ח | ח | פ | נ | ד | ס | ר | י | ה | ז | א | ו |
| ז | א | ב | צ | ו | ט | ו | ב | א | ו | ג | ק | ד | ג | ה | ד | ו |
| ג | י | ר | ש | ת | ק | ר | ר | ר | ש | צ | ש | ל | כ | נ | ק | ת |
| ק | א | פ | ו | ח | ס | מ | ק | י | ס | כ | מ | י | מ | ח | ר | י |
| ה | ד | ד | מ | נ | ב | א | ת | ד | ע | ו | ל | ט | ה | ד | ל | ח |
| מ | ת | מ | נ | ו | מ | ת | נ | א | ק | ר | ב | ת | פ | נ | ה | ק |
| ת | ב | נ | ט | נ | ק | ע | כ | ס | ע | ב | ט | י | ס | ג | ק | ח |
| א | ש | נ | ה | י | ת | מ | פ | ש | מ | ב | ע | ת | ע | ש | ת | צ |
| א | נ | כ | נ | מ | ט | ז | ה | מ | א | ת | ש | ק | כ | ב | י | ס |
| י | ר | נ | צ | ת | ח | ג | ר | נ | כ | ת | פ | נ | ל | ת | ק | נ |
| ט | ת | ש | ו | פ | ל | ס | ת | ה | ו | ו | ה | ל | א | ת | ז | ד |
| פ | ש | ש | ג | ל | פ | ג | י | נ | ע | ו | א | ק | ל | א | ל | א |
| ת | י | ק | ק | ת | ז | ס | כ | ד | ב | ל | ר | ב | ת | ג | י | ל |
| ב | ש | ק | כ | כ | פ | פ | ט | ז | א | כ | ר | ר | פ | ו | צ | א |

אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה - לֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד
עַיִן טוֹבָה - חָבֵר טוֹב - שָׁכֵן טוֹב - לֵב טוֹב -
כְּשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא

די גורל פאר די תפילות לויט די סדר האל״ף בי״ת וועט אי״ה פארקומען מיטוואך פרשת במדבר, ראש חודש סיון.

בס"ד

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, מאנטאג שמיני - מאנטאג טהרה תשפ"א

דרוקט (1) פאר אידיש, און דערנאך:

## 0 אפדעיטס און נייעס

## 1 חיזוק יומי • נייע שיעורים

◀ 1 חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה שליט"א

- איך לעש אויס מיין סערוויס און איך אנטלויף!
- מיט די האצקענען... מיט די אלארם... מיט די ראדיאו!
- נישט קיין נוקלעארע קריג
- די עצה העלפט פאר אלעס, עס איז אפן 24/7
- ר' נתן שרייט אויף אים: נישט דער רב איז מיין מתנגד "דו ביסט מיין מתנגד"!
- די געוואלדיגע ענווה וואס איז דא ביי די שענערע גארבעדזש בעגס...!

◀ 2 חיזוק יומי פון מוהרא"ש זי"ע

◀ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◀ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◀ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◀ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◀ 7 קאראנע אפטיילונג

◀ 9 ענינא דיומא

## 2 שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון די שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

◀ 1 טעגליכע דרשות

◀◀ ⑦

◀◀◀ ②

1 - שיעור פון דינסטאג פרשת שמיני תשפ"א: בלעטלעך

2 - שיעור פון מיטוואך פרשת שמיני תשפ"א: יעדער פאר זיך

3 - שיעור פון זונטאג טהרה תשפ"א: טראכט פון א צווייטן

4 - סיום מסכת שקלים במאנסי, יום א' שמיני תשפ"א

◀ 2 וועכענטליכע דרשות

◀◀ ⑥

24 - שיעור פאר אינגעלייט ליל שישי פרשת שמיני תשפ"א: דעם גאנצן אמת

◀ 3 מועדים וזמנים

◀ 4 חינוך שיעורים

◀ 5 שו"ת און בריוו

◀ 6 שולחן ערוך

◀ 7 גמרא בבלי

◀◀ 5

16 - שקלים דף טז,ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

17 - שקלים דף יז, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

18 - שקלים דף יח, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

19 - שקלים דף יט, ביים סוף: די גרויסקייט פון גמרא

20 - שקלים דף כ, ביים סוף: פארלערנען פאר אנדערע

21 - שקלים דף כא, ביים סוף: שלום בית

**22 - שקלים דף כב, ביים סוף: הדרן עלך מסכת שקלים**

◀◀ 6

התחלת מסכת יומא, יום ג׳ פרשת טהרה, ב׳ דראש חודש אייר

**2 - יומא דף ב, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים**

◀ 8 שיעורי נ״ך

◀◀ 8

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ״ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר ירמיה, קען מען דרוקן נומער 8 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

◀ 9 גמרא ירושלמי

◀◀ 25

- מסכת יבמות - פרישע שיעורים צוגלייגט

◀ 10 חיזוק קאלס

◀ 11 משנה תורה להרמב״ם

- הלכות איסורי ביאה - פרישע שיעורים צוגעלייגט

## 3 שיעורים פון מוהרא״ש זי״ע

- ◀ 1 בראשית
- ◀ 2 שמות
- ◀ 3 ויקרא
- ◀ 4 במדבר
- ◀ 5 דברים
- ◀ 6 מועדים וזמנים
- ◀ 7 פארשידענע דרשות
- ◀ 8 ליקוטי מוהר״ן
- ◀ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## 4 מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

- ◀ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט״א
- ◀ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס
  - ◀◀ 1 מלמדים שטיבל
    - פרישע שמועסן
  - ◀◀ 2 חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר״י
  - ◀◀ 3 חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א

77 - א שיעור פאר מחנכות פון זונטאג טהרה תשפ"א

◀◀ ④ חינוך שיעורים אין ת"ת היכל הקודש וומ"ס

◀◀ ⑤ אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

7 - א פרישע אינטערוויו מיט המלמד ר' אהרן קליטניק, ווי אזוי אויפצובויען קינדער; שיינע עצות ווי אזוי מען קען זיך אן עצה געבן מיט די קינדער אין קלאס

◀ ❸ נייע אפטיילונג ***שיעורי הלכה***

## 5 היכל נגינה

◀ ⓿ אלע ניגונים שאפל רענדאם

◀ ❶ ווארימע ניגונים

◀ ❷ גראמען

◀ ❸ לעבעדיגע ניגונים

◀ ❹ נוסח

◀ ❺ סינגלס

◀ ❻ ניגונים אן מוזיק לימי הספירה

## 6 שיעורים מיט צו זאגן

◀ ❶ משניות

◀ ❷ תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◀ 3 חומש

◀ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◀ 5 ליקוטי מוהר"ן

## 7 פאמיליע ווינקל

◀ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◀ 2 סיפורי מעשיות

◀ 3 סיפורי צדיקים

◀ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◀ 5 אינטערוויוס

113 - א שמועס מיט ר' בנציון יאקאבאוויטש, דער מקוה איד אין שטעטל; די פילע תפילות וואס האט אויפגעבויט די מקוה, אינטערעסאנטע מעשיות פון מקוה

114 - א שמועס מיט ר' הערשי שניטצלער ווי אזוי ער איז באצאלט געווארן אן אלטע חוב פון זיבן יאר צוריק, מיט א שמועץ אריבער; ווי שיין מען איז מצליח ווען מען דערהאלט זיך

115 - א שמועס מיט ר' יושע ראבינאוויטש פון ביתר, אן אינטערעסאנטע משניות כולל וואס האט זיך געעפנט פורים צייט דארט אין שטאט און נאך פילע אינטערעסאנטע זאכן

116 - א שמועס מיט ר' זלמן ווייזל און ר' נחמי' פאקשער פון בראכפעלד, מודיעין עילית; איבער א סיום הש"ס מיט פילע אינטערעסאנטע אנעקדאטן

117 - א שמועס מיט ר' משה ארי' שניצלער איבער זיך פרייען מיט פשטות יהדות מיט אסאך אינטערעסאנטע קרישקעלעך

◀ 6 15 מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

◀ 7 שיחות חברים

- פרישע שמועסן

## 8 זיך אויפצוסיינען צו באקומען עצתו אמונה אויף פאסט

- דרוקט נומער 1

## 9 נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◀ 1 נדבות

◀ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

◀ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

◀ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

◀ 5 לייוו הוקאפ

◀ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר'ן מערכת

שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 51: ג' תזריע תשע"ו – תפלה מיט סבלנות
2, 52: ה' תזריע תשע"ו – פון יעצט

2, 2, 1: ב׳ אחרי-ב׳ תשע״ו – אין שווערע צייטן
2, 2, 2: ג׳ אחרי-ב׳ תשע״ו – א פשוט׳ער איד
2, 2, 3: א׳ קדושים תשע״ו – טראכט אויך פון א צווייטן
2, 2, 4: ג׳ קדושים תשע״ו – א בחור דארף חתונה האבן
2, 2, 5: ד׳ קדושים תשע״ו – איך גיי נישט אוועק פונעם אייבערשטן

3, 2, 1: פתיחת זמן הקיץ תשע״ז
3, 2, 2: א׳ טהרה תשע״ז: באשעפער העלף מיר
3, 2, 3: ב׳ טהרה תשע״ז: א ווילדער בחור
3, 2, 4: ג׳ טהרה תשע״ז: זיי קלוג פאר דיר
3, 2, 5: ד׳ טהרה תשע״ז: א שרעקעדיגע וועלט
3, 2, 6: ה׳ טהרה תשע״ז: א צדיק פאר א מינוט
3, 2, 7: א׳ אחרי-קדושים תשע״ז: קינדער מיט עלטערן
3, 2, 8: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ז: יעדער האט שווערע צייטן
3, 2, 9: ג׳ אחרי-קדושים תשע״ז: אפגעשיידט פון די וועלט
3, 2, 10: ד׳ אחרי-קדושים תשע״ז: תורה לשמה
3, 2, 11: ה׳ אחרי-קדושים תשע״ז: ברייטע ארבעל

4, 2, 5: ב׳ טהרה תשע״ח – א נייער שטערן
4, 2, 6: ג׳ טהרה תשע״ח – נאר הכנעה
4, 2, 7: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ח – וויפיל געלט דארפסטו?
4, 2, 8: ג׳ אחרי-קדושים תשע״ח – ווער קען מיר העלפן?
4, 2, 9: ד׳ אחרי-קדושים תשע״ח – איך וויל זיין ערליך
4, 2, 10: ה׳ אחרי-קדושים תשע״ח – קליינינקייטן זענען זייער גרויס
4, 2, 11: ליל שישי אחרי-קדושים תשע״ח – שיעור בבית המדרש ברסלב מאנסי

5, 107: א׳ תזריע תשע״ט – צעפלויגן
5, 110: ד׳ תזריע תשע״ט – סיום מסכת ברכות של הילד יעקב יוסף סאלי ני״ו
5, 111: ד׳ תזריע תשע״ט – מ׳קען קויפן שכל
5, 112: ב׳ מצורע תשע״ט – דברי הספד אויף הבחור החשוב שמעון ענדצווייג עליו השלום
5, 113: ד׳ מצורע תשע״ט – שמעון איז אונז מחייב
5, 2, 1: א׳ קדושים תשע״ט – מ׳דארף חתונה האבן
5, 2, 2: א׳ קדושים תשע״ט – סיום ירושלמי מסכת תרומות
5, 2, 3: ב׳ קדושים תשע״ט – ברויט מיט וואסער
5, 2, 4: ג׳ קדושים תשע״ט – דו קענסט אויך
5, 2, 5: ד׳ קדושים תשע״ט – וואס וועט זיין?

6, 2, 1: א׳ טהרה תש״פ – היט אייך
6, 2, 2: ב׳ טהרה תש״פ – מ׳מעג שמייכלעך
6, 2, 3: ג׳ טהרה תש״פ – האב שכל
6, 2, 4: ד׳ טהרה תש״פ – איך קען נישט שמעקן
6, 2, 5: א׳ אחרי-קדושים תש״פ – ווען מ׳גייט ליידיג
6, 2, 6: ב׳ אחרי-קדושים תש״פ – קוק נישט אויף יענעם

6, 2, 7: ג׳ אחרי-קדושים תש״פ – ביסט נישט קיין שגץ
6, 2, 8: ד׳ אחרי-קדושים תש״פ – מסדר זיין דעם טאג
6, 2, 9: ב׳ אחרי-קדושים תש״פ – שבע ברכות להחתן אליעזר שמן

## שיעורים פאר אינגעלייט:

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

2, 15: ב׳ טהרה תשע״ז – הנהגת הבית
2, 16: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ז – אן אייגענע משפחה

3, 24: ד׳ טהרה תשע״ח – ווי אזוי ארבעט חינוך?
3, 25: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ח – אמונה בארואיגט

4, 22: ה׳ תזריע תשע״ט – אנהייבן פון ניי
4, 25: ה׳ קדושים תשע״ט – שכל אין לעבן